ב"ה

# א חסידישער מחנך

## ענינו, הכרחיותו ואחריותו

# יוקר המחנך החסידי: מפרסם אלקות בבתי ישראל!

קונטרס ומעיין ע׳ 35

**מרחוק נראה שני אנשים הולכי רגל יושבים על התל בצד הדרך להנפש.** (אה״ח 567) כשקרבנו אליהם ונסתכלתי בהם הכרתי את החסידים ר׳ פרץ הכהן ור׳ מנחם מענדיל הכהן המלמדים מבעשענקאַוויטש. אמרתי להוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק ויצו לנסוע לאט ולעבור בקירוב למקום מושבם.

כשעברנו אצלם ראינו מחזה נהדר:

ר׳ פרץ ור׳ מנחם מענדיל יושבים תחת אילן מיצל בטליתותיהם הקטנים וביארמאלקעס, בגדיהם העליונים נעליהם כובעיהם ומקלותיהם מונחים בצדם. ר׳ מנחם מענדיל נשען על אצילי ידיו כשהן נתמכים על שוקיו ועיניו עצומות, ושומע דברי חברו ר׳ פרץ היושב בעינים סגורות וחוזר מאמר חסידות בקול וניגון המיוחד לחזרת דא״ח, ובידיו יסביר, כרגיל בלימוד עיוני.

הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק צוה לעמוד רגעים אחדים, והם לא הרגישו בזה. כשנסענו הלאה אמר הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק שהם חוזרים את המאמר מי מדד בשעלו מים שנאמר ביום שני דחג השבועות.

כנראה אשר מחזה ר׳ פרץ ורמ״מ עשה רושם גדול על הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק, וכשיצאנו את רודניא הואיל לאמר:

חמשת אלפים שש מאות וששים ואחת שנה ותשעה חדשים — שנה זו היא מעוברת — שלשה עשר ימים וחמש עשרה שעות וכך וכך מינוטין חכה שטח אדמה זה עד אשר יבואו פרץ ומענדיל וישבו שמה לחזור דברי תורה, אשר בזה קיימו וגילו את רצונו ית׳ הנעלם במחשבה הקדומה דא״ק, מה שהי׳ חתום באוא״ס שלהאיר את העולמות דלפני הצמצום, ומה שהוא כמוס בהאוא״ס שלגלות עצמותו ית׳ ויתעלה. ועם זה הנה הרצון והידיעה שלמעלה אינה מכרחת את הבחירה החפשית אשר הקב״ה נותן לכל אחד ואחד. כבד לשער הקורת רוח שנעשית למעלה מענינים האלו וקשה לצייר הקנאה אשר הפרצופים העליונים מקנאים את הבעשענקאוויצער מלמדים. די רביים אין גן עדן פרייען זיך אויף אזעלכע קינדס־קינדער. די חסידישע מלמדים זיינען די אמת׳ע מאורי אור אין די אידישע הייזער. די חסידישע מלמדים בעלי עבודה זיינען די אברהם אבינו׳ס וואָס בכל דור ודור, זיי זיינען די מפרסמי אלקותו ית׳ אין די אידישע הייזער. דער מיטעלער רבי האָט מער מקרב געווען די מלמדים ווי די רבנים. דער מיטעלער רבי זאָגט: מלמדים מאַכען אידען פאַר א כלי קיבול צו געטליכקייט.

# המלמד החסידי שפעל יר"ש בעומק הלב לנצח

אג"ק ריי"צ ח"ח ע' תקא

המלמד ר' יוסף הלל מדרויע הי' מחונך ומודרך מאת זקני החסידים בדרויע אשר קבלו את חנוכם והדרכתם מאת חסידי הוד כ"ק אדמו"ר הזקן, אשר תכלית ועיקר הכל הוא להשפיע מרוחו הטוב בעבודה ותקון המדות ואהבת־ישראל גם לזולתו.

החינוך הזה וההדרכה הזאת פעלה על המחונך והמודרך יוסף הלל אשר אף כי הוא בעל כשרון ולמדן גדול, בכל זה בחר להיות רק מלמד דרדקי – אף שהי' מתפרנס בטוב יותר אם הי' לומד עם תלמידים גדולים – בכדי לקבוע בלבותיהם של התינוקות חיבת התורה ויראת־שמים. וזה כחמישים שנה שהוא עוסק במלמדות והעמיד גדודים גדודים תלמידים יראי־אלקים.

דאס וואס יוסף הלל דער מלמד דרדקי האט נוטע געווען אין די קינדערשע הערצער, וועלן כל הרוחות שבעולם ניט נאר ניט אויסרייסן נאר אפילו ניט אפשוואכן, און דאס איז די כוונה פון ירידת הנשמה בגוף, מאכן אידן פאר אידן ווי השי"ת וויל.

# פעולת מחנך חסידי בכל מקום ובכל מצב

סה"ש תרצ"ז ע' 187

אויף געבאָרענע קינדער איז מען ניט קיין בעל בחירה, די בחירה איז בשעת דעם חינוך, אַז מען זאָל מחנך זיין די קינדער ע"פ תורה דורך מלמדים יראי אלקים און חסידים.

אַ חסידות'ר מלמד איז נוטע יראת שמים באַ דעם קינד אין האַרצן, אַז כל הרוחות שבעולם וועלן דאָס ניט אויס־רייסן.

אַ חסידות'ר מלמד וואָרצלט איין באַ דעם קינד אין האַרצן דעם מאור החסי־דות וואָס דאָס איז אַ אייביקער מזון רוחני פאַר דעם נקודת היהדות.

דער וואָס האָט גילערנט באַ אַ חסידות'ן מלמד, איז וואו און אין וואָס פאַר אַ סביבה ער זאָל ניט זיין און אין וואָס פאַר אַ נידעריקען מצב פון יראת שמים ער זאָל ניט זיין, איז באַ איהם די שרשים וואָס זיין מלמד האָט איהם איינגעוואָרצעלט גאַנץ, און עס האָט אויף איהם אַ גוטע השפעה.

# אחריות המחנך לחמם את הילד באמונה ואהבת ה'

אג"ק מוהריי"צ ח"ג ע' שט

נודע לנו בקבלה רבי מפי רבי אשר בשעה אשר הוד כ"ק אדמו"ר רבינו הזקן – בעל התניא ושו"ע – הי' צריך לתת את בנו הוד כ"ק אדמו"ר האמצעי לחדר, בחר למלמד אחד מתלמידי כ"ק מורנו הרב המגיד ממעזריטש.

ואמר לו, בא ונחליף מצוה במצוה, אתה יש לך מצוה לפרנס בני ביתך, ואני יש לי מצוה ללמד את בני תורה, בא ונחליף את מצותינו, אני אתן לך חלק בפרנסת בני ביתך ואתה תלמד את בני תורה.

ודע כי כשם שהמזון הגשמי גורם חיזוק הגוף והתקשרותו בכחות הנפש, כן הוא במזון הרוחני שגורם חזוק הנפש והתקשרותו באלקים חיים, אנכי אתן לך חלק ממזונות בני ביתך ואתה תתן לי מזונות בני.

וראשית דבר תקבע בלבבו יראת ה' ואהבתו ית' על ידי ספורי התורה בקדושה ובלהט שלהבת רשפי אש שיוקבעו הספורים בלבבו מתוך אמונה בבורא יחיד אדון עולמים יתברך ויתעלה שלמעלה מעלה מכל תפיסא בשכל והשגה.

קודם שתתחיל ללמוד עם התלמיד תתבונן כי מלאכת ה' היא ובדיני נפשות אתה עוסק, החיים והמות הרוחני' שהם הגבה למעלה באין ערוך לגבי חיים ומות גשמיים – בידיך המה. אם תעבוד באמונה תעמידו על האמת, תזכה בזכיותיו וזכיות זרע זרעו עד עולם, ומכלל הן אתה שומע את הלאו.

ודע כי הכל ביד האדם וברשותו, וכאשר תתן דעתך לבך ונפשך על זה יעזרך השי"ת ותעמיד תלמידים הגונים וחלקך יהא בין זהרי הרקיע ומצדיקי הרבים באור כי טוב.

ככל הדברים האלה דבר הוד כ"ק רבינו הזקן לאחד המלמדים ועורר אותו לדעת גודל האחריות שהוא לוקח על עצמו, ואשר גורלם, גורל החיים והמות הרוחני' של התלמידים, תלוי באופן החינוך.

הנה כן הי׳ לפני מאה וחמשים שנה לערך, בזמן אשר התורה ויראה האירו ברחוב היהודים בכליל עזוז הדרס, ומה גם עתה בזמן הזה אשר החשך יכסה ארץ ולא עלינו הנה בהרבה בתי ישראל כנגע נראה ח״ו בבית בהעדר היראה ובקרירות של עמלק ר״ל הנה עוד יותר תגדל האחריות של המלמד דעה את ה׳ שהוא צריך למסור ולתת עצמו במסירה ונתינה בכל לבו נפשו ומאדו ללמד את תלמידיו ולהשגיח עליהם בעינא פקיחא בעניני יראת שמים ולהחם את לבבם בחום אש אלקי לקבוע בלבותיהם אהבת השם, אהבת התורה, חיבת מצות המעשיות ואהבת ישראל.

ועיקר גדול הוא בהדרכה לקטנים לתת להם ספורים טובים מהנהגות צדיקים נוסף על מה שיקר[א]ו באגדות עין־יעקב, כמובן במה שאפשר להם להבין מעצמם שלא יטעו בזה ולהשגיח עליהם שיקראו זה בשימת לב ולבוחנם אם יודעים מה שקראו ולהרגילם לספר במתון ובסדר כל מה שקראו ואחר כל ספור שיקראו נחוץ להסביר להם את המוסר־השכל ביראת שמים היוצא מספור הזה.

# משפיע לדורות

ספר השיחות תש״ו–ה׳שי״ת ע׳ 89

מיין ערשטער דרדקי מלמד איז געווען ר׳ יקותיאל, מיט זיינע ספעציעלע איינדרוקספולע חינוך - ערקלערונגען איבער די סיפורי התורה פון חומש בראשית, אז די אלע סיפורים זיינען ניט נאר דערציילונגען וואס עס האט פאסירט מיט אדם הראשון און די הייליגע אבות, מיט די שבטים און משה רבינו וכו׳, נאר דאס איז א געוויסע איינווארצלונג פון אמונת ה׳, אהבת התורה און אהבת ישראל, וואס מיט די דריי הויפט—זאכן לעבט א איד אף זיינע יאהרן און איז מחנך דורות ישרים, קינדער און קינדס—קינדער, בעלי מדות חסידים.

# "גורל דור הבא באמונה טהורה בידו!"

אג"ק מוהריי"צ ח"א ע' תקלג

ב) בדבר לימוד בחדרים, ולהשתדל בזה בכל כח עוז ולא לבד אשר יהי' רק מלמד וחדר, כ"א שיהי' הלימוד כדבעי, א) לדבר על לב האבות והאמהות שיתנו בניהם רק למלמד י"ש, ב) לדבר עם המלמד שידע אשר גורל דור הבא באמונה טהורה בידו הוא, ואשר כל תנועה שלו שתהי' שלא כדבעי בזה הוא עוקר ח"ו אילן וגזע מכרם ה' צבאות, וכאשר יתן לבו על התלמיד לחנכו ולחכמו מעמיד הוא גזע באילנא רברבא בכרם ה'.

# העיקר בחינוך הוא להיות דוגמא חי'

אג"ק חכ"ז ע' שכא

לשאלתה בנוגע לפעולתה בביה"ס, הרי בודאי לא נצרך להדגיש שהדרכה צריכה להיות בחיות ובדברים היוצאים מן הלב, ועוד ועיקר שהמדריך ומחנך צריך להיות דוגמא חי' למושפעים. ואם זה אצלה בשלימות, הרי דבר עיקרי כבר יש. ובפרט שהמסירה ונתינה לעבודתה היא יסוד לקבלת כל שאר העניינים הנצרכים כדי להצליח בחינוך.

# דוקא ע"י מחנך ירא"ש שיהי' דברים היוצאים מן הלב

ח"י אלול תשל"ה – מוגה – שיחו"ק תשל"ה ח"ב ע' 457

די איצטיקע רייד קומען בהמשך צו דעם וואָס מ'האָט גערעדט אין פריערדיקן פאַרבריינגען באַרוכה ״. וועגן דעם גודל הכרת השעה צו טאָן מער ווי מ'קען צו באַווירקן אַז יעדער אידיש קינד זאָל באַקומען אַ חינוך ע"פ התורה בפועל, דורך אַ מחנך וואָס איז אַליין אַ ירא שמים — וואָס אַזאַ מחנך רעדט דברים היוצאים מן הלב און זיינע ווערטער זיינען נכנסים אל הלב ופועלים פעולתם ״.

# קדימת מורים יר"ש למורים מוכשרים יותר

אג"ק חי"ז ע' רלג

ומפני גודל ערך הדבר, כוונתי לכל הענינים אשר בשטת החינוך, שהרי שינוי בהמחונך פועל פעולתו במשך כל ימי חייו לאחרי זה, מובן וגם פשוט, שענין שמטיל ספק בהנקודה דיראת שמים ויהדות מסורתית, אין כדאי כלל להכנס בזה, וכדוגמת הענין אשר ספק ספיקא בגדרי פקוח נפש, ג"כ אסור הוא, והוא מובן גם בשכל הבריא שכל האנושי.

שמזה מובן יחסי לספרים המסופקים מנקודת מבט דיראת שמים, וה"ה למורים־ות אשר יש ספק איך ישפיעו על המחונכים בענינים של יראת שמים, וליתר שאת אוסיף עוד נקודה, שאף שכאמור לעיל יש לשלול ספרים ומורים־ות כהאמור אפילו במצב דלית ברירה בספרים ומורים־ות אחרים, שהרי לכל לראש על ההנהלה ופשיטא דעל ההורים לראות שהמחונכים שלהם

יהיו נאמנים לדי' ולתורתו, והרי זהו אשרם בגשם וברוח, הרי בודאי עתה יש למצוא מורים וספרי לימוד אשר שלמים יהיו מהנקודה דיראת שמים (וכלשונם במכתבם) וגם חכמתם תהיי ברמה מתאימה והרי כמה מבתי ספר בית יעקב נמצאים באה"ק ת"ו, שלאחרי שעברו תקופת ההתחלה וההתלבטות והספיקות, הרי על יסוד הנסיון של כמה שנים הראו דרך לפתרון בעיות האמורות, ובטח גם הסמינר דבית רבקה יכול לנצל תוצאות נסיון האמור, ועי"פ כתבם גם הם החלטתם פה אחד שהיראה צריכה להיות קודמת לחכמה, וכדברי חכמים במשנתם, בודאי למותר להוסיף שקדימה זו היא לא רק בזמן אלא גם במעלה ז.א. שבמקום בחירה בין מורה למורה וספר לימוד, שנפקי"מ בין יראתם לחכמתם הרי — ע"פ האמור — דין קדימה להראשון־נה. מובן ג"כ שבהנקודות שמזכירים — שבאיזה מקצועות הי' בלימוד ב . . . ברמה גבוה יותר מ . . . הנה בכל האמור לעיל — אין הכוונה להשפיל רמת הלימודים באם אין זה נוגע לעניני יראת שמים, ובודאי גם בזה אין חילוקי דיעות ביניהם, שלכן אין מובן קצת, מה שמזכירים זה במכתבם כאילו איזה ספק בדבר.

# עיקרי שהמלמד יהי' נאמן להוראותיו,

# "לא יוכל אדם להנחיל לזולתו מה שאין ברשותו"

אג"ק ריי"צ ח"ו ע' ק"א

כל יודע פרק בפדגוגי' יודה כי גם אם מורים חפשי הדת ופורקי עול תורה ומצות בעל כרחם ילמדו את תלמידיהם את התורה; לא ישפיעו עליהם ליקרה ולחבבה וללכת בדרכה. להיפך, התלמיד יראה במורה רק את השקרן הַמְרַמֶה וה„ביזנעסמאן" אשר בשביל פרוטה מוכן הוא לדבר בפיו מה שכופר בו, ובאמת אנו רואים בנסיון היום יומי אשר גם המורים או המורות המתחכמים להסתיר דרכיהם מהתלמידים, הנה סוף סוף מרגישים התלמידים כי דברי התורה אשר מלמדים אותם הוא מן השפה ולחוץ כי דבריו אינם יוצאים מן הלב. כי לא יוכל אדם להנחיל לזולתו מה שאין ברשותו, ואשר איננו מאמין בה' לא יוכל להשריש בלב מחונכיו אמונה בה'.

# מה שמכניסים לראש צריך השגחה

אג"ק ח"ד עק רכז

**וידוע פתגם כ"ק מו"ח אדמו"ר בשנים הראשונות לבואו לכאן, „עס איז דא השגחה אויף וואס מען לייגט אין די טעפלאך, פארוואס איז ניטא קיין השגחה וואס לייגט מען אין די קעפלאך"?!**

# לא כל הרוצה ליטול שם מחנך יטול!

אג"ק ח"ה ע' ריג

נהניתי לקרות במכ' השני, אשר סו"ס עלה בידם לבטל ולתקן בענין בשר כשר, ויהי"ר שבקרוב ממש יעלה בידם לתקן ג"כ ענין החינוך, וכידוע פתגם כ"ק מו"ח אדמו"ר, אשר בארצה"ב הנה על מה שנותנים בקדירה דורשים השגחה ומפקחים עלי' ועל מה שנותתנים בראש ה"ז הפקר וכל הרוצה ליטול נוטל לעצמו השם מלמד יר"ש מחנך פדגוג וכו'. – (להעיר כמה גדולה שיחת ת"ח, אשר גם בש"ס הרי הראש נק' קדירה. ולכאורה יש לקשר זה ג"כ עם ענין ותורתך בתוך **מעי**, וכמ"ש בתניא פ"ה).

# אי אפשר שהנהגת המחנך לא ישפיע על הלתמידים

אג"ק חי"א ע' של

. . . בהנוגע למורים אשר ההתמסרות מצדם אינה כדבעי כלל, וגם אינם מתאימים להוראה, ואין רואים בהם התקדמות בדרכי עבודתם וכו' ואינם מקבלים הדרכה.

הנה לפלא גם הספק בזה. והעיקר, מצד הנקודה האחרונה – כי מי יודע מה יולד יום, וההכרה שכל החבר מורים־ות יעמדו חזק על הנקודה ששייכים בתי הספר – והעיקר הרוח והחינוך בהם – לחב"ד, ואין עליהם מרות אחרת, וכיון שצ"ל הרגש זה קיים **כל** משך זמן הלימוד, היינו כעשרה חדשים, מובן שאי אפשר שיהי' זה בדרך קבלת עול גרידא וכפי'. ולכן אלה שהדבר הנ"ל זר להם ואינם רוצים בשו"א לקבל הדרכה (ואי אפשר שלא ישפיע זה גם בהשפעה היום יומית על התלמידים־ות), הרי טוב שימצאו להם משרה במקום מתאים לרוחם הם, ובתי ספר הרשת ימצאו מורים מתאימים לרוח הרשת . . .

מובן שכל האמור לעיל הוא – הוראה כללית בשיטה שבה צריכה להנהיג הנהלת הרשת, אבל אין זה הוראה בהנוגע לאישים פרטים, שעל זה על ההנהלה להחליט, בידעה מהותם והנהגתם בעבר. ודא להוסיף – שהתלמידים־ות הם הרבים, והמורים – היחיד, **וספק** היזק הרבים – דוחה תועלת היחיד, ובפרט ע"פ הנ"ל – שעתה עוד ישנו זמן שיסתדר היחיד במקום המתאים בשבילו יותר.

# החזקת הרמה הגבוהה ביותר ביר"ש ע"י מורות מתאימות

# פשרות קטנות מביאה לפשרות גדולות

אג"ק חי"ג ע' שנב

א) כיון שבטח יהי' חילוקי דיעות בהנוגע לתכנית הלימודים, הנה כבר כתבתי דעתי **ברורה** ומבלי שום ספק, שהתכנית צ"ל כתכנית בתי ספר בית יעקב היותר חרדים שבהם באה"ק ת"ו, וכפי הידוע כאן שזהו הבית יעקב אשר בירושלים עיה"ק ת"ו, מובן שמוכרחים להוסיף על לימודיהם בהנוגע עכ"פ צו ארום פון חסידות, ומובן ג"כ שביכולתם להרבות בעניני יראת שמים עוד יותר מבתי ספר ב"י האמורים, ובמכש"כ וק"ו ומה במדינתם לפנים שהדבר הי' קשור בסכנה, סכנת ההורים גם סכנת הילדים שיחיו, בכ"ז לא חסו מפני כל, ורק ע"י"ז הצילו את ילדיהם לחיי העוה"ב וגם לחיי העוה"ז, עאכו"כ כשנמצאים במקום שאין בזה כל סכנה כלל, והארץ נקראת בפי כל האומות אפילו ארץ הקדושה והעידה תורתנו אשר זוהי ארץ אשר עיני ה' אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה, פשוט שאין להתרשם מן המלעיגים ואין להתרשם משאר העלמות והסתרים שאפשר יהיו בזה, ומוכרח שבי"ס התיכון — סמינר, יהי' דוקא בתכנית האמורה.

ב) בהתאם להאמור מובן ופשוט, שבבחירת סגל המורות, לכל לראש צריך להתבונן שלא ישפיעו על התלמידות לרעה ח"ו בהנוגע ליר"ש ליהדות ועניני', והשפעה למוטב בזה יכולה להיות לא רק ע"י דבור גלוי אלא אפילו ע"י הנהגה וכיו"ב, ובק"ו, ומה בהנוגע ללימוד תורה צריך להיות הרב דומה וכו', כהוראת חז"ל ואפילו באלו שדעתם חזקה עאכו"כ בנדון דידן.

ג) ואל יהי האמור קל בעיניהם, וכידוע תוצאות שיטות אנשי הפשרה המפתים א"ע לומר שע"י ויתורם על ענינים קלים ישתכרו ענינים עיקרים וכו', שהנסיון הראה ההיפך הגמור, שהויתור שנותנים משמש פתח לויתור יותר ויותר, וכעבור איזה זמן נפתעים בעצמם, לאן הגיעו, ואין להאריך בדבר הנראה במוחש.

# ילד הרואה סתירות קלות אצל הוריו ומוריו – מאבד אמונתו בהם לגמרי

**תו"מ תשד"מ ח"א ע' 113**

אם החינוך בבתי הספר צריך תיקון או עכ"פ השלמה — יש לזכור שאלה הם שני הנקודות היסודיות שהמחנך צריך לתת למחונך.

קודם כל יש להרגיל את הילד ולחנכו בכיוון שיעמידנו על יסוד חזק, שהוא בן אברהם יצחק ויעקב והיא בת שרה רבקה רחל ולאה, שהם אותם האבות והאמהות במשך כל ימי חייו (או חיי'), ואותם האבות והאמהות של ההורים והסבא והסבתא וכל ישראל עד תחילת כל הדורות.

וכדי לנטוע רגש זה בילדים, חייבים המחנכים להתנהג בהתאם לכך, כי הילד איננו מבין "חכמות", וכאשר הוא רואה שאומרים לו דבר אחד ולמעשה הוא "תופש" את המחנך או ההורה בהתנהגות באופן אחר — הרי לא רק שהענין "נחלש" אצלו, אלא הוא מאבד כליל את אמונו בהוריו ובמחנכיו!

אפילו כאשר נדמה שהם "מוותרים" על משהו רק כדי לקבל יותר כסף עבור חינוך והטבה לילדיהם — הרי נוסף לכך שהיות שהעושר בא ממקור בלתי רצוי, איננו עושר השמור לבעליו לטובתו [אבל זוהי מציאות שאיננה שייכת בעשרת ימי תשובה — העושר יהי' שמור לטובתו, אם רק יעמוד בנסיון ובפיתויי היצר!] — הרי "אמת מארץ תצמח", וסוף סוף יבינו ילדיו את האמת מנין הגיע אליו הכסף!

כדי להשפיע על הילד חייבים להיות "דוגמא חי'", כי להוי ידוע שהילד שם לב לכל: לפעמים הוא מיד מעיר על כך, ולפעמים הוא עושה זאת יותר מאוחר, ופעמים הוא נזכר על כך לאחר זמן — אבל הוא שם לב!

ועוד זאת: הילד איננו מבין שיש הבדל בין "קלה" ל"חמורה", ולכן יש להזהר יותר לא לדחות מצוה אחת מפני השני'!

# עיקר החינוך בימינו צ"ל בענין המדות,

# מחפשים דרכים "חדשים" ואינם רוצים לנסות הדרך הישנה שהצליחה

שיחו"ק תשל"א ח"א ע' 258

וואס איין כללות החינוך איז דאס: וויבאלד אז "עיר פרא אדם יולד" (איוב יא,יב), במילא פעלט דאך אים סיי אין מוחין און סיי אין מדות; אדער אין איינפאכע אותיות: סיי אין ידיעה און סיי אין מדות טובות. איז דערפון פארשטאנדיק, אז חינוך דארף זיך פארנעמען מיט ביידע זאכן – ער דארף עס צושטעלן אז ער זאל האבן די ידיעות וואס מען דארף האבן, און דארף עס אויך מחנך זיין אז די מדות זיינע, זאלן זיין – ניט מדות פון א "פרא אדם", וואס "ידו בכל ויד כל (אדם) בו" (בראשית טז,יב), נאר מדות פון אן אדם – "אדמה לעליון".

בשעת מ'פארנעמט זיך נאר מיט איין ענין שבזה, דעמאלט קומט ארויס ניט דער חינוך המתאים לשמו, וואס אפי' ווען ס'איז

ניטא קיין השפעה חוץ פון דעם מקבל החינוך מיט דעם מחנך – וועט דאך עס אויך פעלן אט דאס וואס מ'האט עס ניט דערגעבן אין דעם חינוך; בשעת ס'זיינען אבער דא נאך משפיעים, נאך השפעות וואס זיינען משפיע אויף דעם זקוק לחינוך, דער וואס דארף באקומען דעם חינוך, דעמאלט, איז בהתאם: אויב אט־די ענינים זיינען בשטח פון ידיעה, דארף מען מוסיף זיין שימת לב אין דעם חלק החינוך וואס ער גיט דעם קינד, דער מחונך, – ענינים פון ידיעה און מוחין; אויב ס'איז אבער אין דעם צווייטן שטח – דארט וואו ס'איז פארבונדן מיט מדות – דארף מען האבן א שימת לב מיוחדה, אין דעם שטח וואס איז פארבונדן מיט חינוך [ניט פון ידיעה, נאר חינוך] אויף מאכן פון אים אן "אדם", ניט קיין "פרא אדם".

בהנוגע בימינו אלו: ליידער איז דאך די השפעה, ניט נאר פון דעם מחנך און פון די הורים, נאר ס'איז אויך דא די השפעה פון דעם חוץ – פון חוץ כפשוטו, און נאך נערער – פון חוץ פון טוב וישר, וואס זיי פארלייבן זיך, ניט אויף דעם ענין פון ידיעות, נאר אויף דעם ענין פון מדות, איז דערפון פארשטאנדיק, אז אין וואס באשטייט איצטער דער עיקר הדגשה פון חינוך – באווארענען דעם ענין פון די מדות, אז ס'זאל מחונך ווערן אן "אדם", כאמור לעיל, ניט ווי ער איז געבארן געווארן – אן "עיר פרא אדם יולד", וואס וויבאלד ער באקומט ידיעות (עכ"פ קצת ידיעות), און ער באקומט כחות וואס מ'גיט אן אדם, דעמאלט ווערט ער דאך ניט נאר סתם אן "עיר פרא", נאר עס קומט נאך צו דאס וואס ער האט די כחות פון אן אדם, נוצט ער דאס אויס – ניט אויף להיטיב, ווארום "להיטיב לא ידעו", אויף דערויף האט מען עס ניט מחנך געווען, במילא בלייבט דאס "חכמים המה להרע" (ירמי' ד,כב).

דערפון איז פארשטאנדיק, אז אויב בכל השניט כולם, און אויב
בכל התקופות, האט מען געדארפט פארלייגן זיך, אז ניט נאר זאל
א קינד, א אידיש קינד – [ ועד"ז בהנוגע צו שבע מצות בני נח –
וואס ביי זיי איז דאך אויך דא דער ענין פון ישובו של עולם,
וואס ס'איז דא כמה פרטים וואס איז דא אין מצות בני נח, אויף
באווארענען ישובו של עולם (ראה לקו"ש פ' וישלח (תשל"א)
בהערה 63) – וואס דאס איז מכריח עס זאל זיין אן אופן, ניט פון
"ידו בכל", און "יד כל (אדם) בו", נאר עד זאל ] זיין א מעורב
עם הבריות, אין אן אופן ווי חסידות טייטשט אפ (ראה סה"מ תש"א
ע' 144), מעורב פון לשון ערבות, פון לשון נעימות ומתיקות –
וואס דאס האט מען געדארפט בכל התקופות – עאכו"כ בתקופתנו זו,
דארף די הדגשה מיוחדת זיין דוקא אויף דעם ענין <u>המדות</u>, וואס
דער ענין המדות ווערט ניט אויפגעטאן דורך דערויף וואס ער ווייס
באקומען א המון ידיעות; ס'קאן זיין כמה וכמה ידיעות, ווי תורה
רופט עס אן – "<u>חכמים</u> המה", וואס תורת אמת רופט עס אן בשם
"<u>חכם</u>", אז ער איז א חכם, ער האט ידיעות רחבות ועמוקות וכו',
אבער אויף וואס ניצט ער דאס, ניצט ער דאס אויף היפך הטוב,
וואס דעמאלט איז דאך דאס א סך ערגער און א סך מער סכנה, איידער
אזא וואס ער איז ניט קיין חכם.

וואס דערפון קומען ארויס די אלע בלבולים, אז מ'זוכט

וועגן, וואס מ'דארף פאריכטן, און וואס מ'דארף מוסיף זיין,
וכאמור, זוכט מען אלע ערליי "<u>נייע</u>" וועגן, וואס מ'האט זיי
שוין אויסגעפרואווט מיט א דור פריער, און עס האט זיך
אויסגעלאזט, אז ניט נאר האט עס ניט געבראכט קיין תועלת,
נאר עס האט געבראכט א היזק, און מ'וויל ניט אויספרואוון
דעם אלטן אויסגעפרואווטן וועג וואס האט אויפגעשטעלט ישובו
של עולם, און מ'האט אויפגעשטעלט א פאלק וואס איז דורכגעגאנגען
מתוך אחוה – ניט קוקנדיק אויף אין דעותיהם שוות (ראה תנחומא

– איז וואס איז לכאורה דערצו די עצה? – אז דער יוגנט
טענה'ט אז זיי האט געפעלט חינוך, איז דאך לכאורה די מסקנא
המיידית א פשוט'ע: אז מען זאל זיי געבן חינוך; אט דאס
טענה'ן זיי דאך – זי זיי זיינען אויסגעוואקסן אין אן אופן
אז עיינער האט זיך ניט אפגעגעבן מיט זייער חינוך, ואדרבה,
מען האט זיי בעזאגט איין זאך און געטאן א פארקערטע זאך,
במילא, מעשה פועל'ט דאך מערער ווי דיבור בעלמא, קוקט מען
זיך צו וואס יענער <u>טוט</u> – ניט וואס ער איז "נאה <u>דורש</u>",
מ'קוקט וואס ער איז מקיים און ווי אזוי ער לעבט חייו
בעלמא דין. במילא, וואס איז דערצו דער תיקון, אין שכל הפשוט,
אז מען זאל זיך משתדל זיין געבן זיי א חינוך –

# מחנך בזמנינו הוא: "רופא נשמות עמו ישראל!"

פורים תשל"ה

ועל דרך זה, דאָס איז די גרעסטע צרה וואָס ס'איז דאָ אין קאַלעדזש להבדיל לגבי ישיבה – דאַרף מען גאָר ניט אָנקומען צו אַנדערע טעמים:

קאַלעדזש איז אַן אָרט וואָס זאָגט אַ מענטשן: מ'מישט זיך ניט ווי דו פירסט זיך, מ'לערנט מיט דיר אַ מקצוע, מ'לערנט מיט דיר אַ חכמה, אָדער אַ שטות, און דערנאָך, אַז דו וועסט באַוויזן אַז דו האָסט אויסגעחזר'ט אויף אויסוויייניק, און דו ווייסט וואָס ס'שטייט אין די ביכער אָדער וואָס דו האָסט געהערט – באַקומסט דו אַ פּאַפּיר, אַז דו ביסט אַן איש השלם: האָסט משלים געווען די לימודים, און ווייטער ווערט פון דיר ניט פאַרלאַנגט.

בשעת מ'שיקט אים אין אַ ישיבה, וואָס זי איז מיוסד, ווי גערעדט פריער וואָס די גמרא זאָגט אין שבת, אַז ס'איז דאָ אַ "**תרעא** לדרתא" און ס'איז דאָ אַ "**דרתא**"; ס'איז דאָ **יראת-השם** און דאָס "עפענט אויף" אַז דערנאָך "גייט מען אַריין" אין **תורה**, און דערנאָך איז דאָ תורה, אַז זי ווערט די "תרעא", דער "שליסל", כדי מ'זאָל קומען צו "הן יראת ה'", כדי צוצוקמען צו יראת השם אמיתית – אָט דאָס איז דער תכלית פון לימוד התורה –

אָט דאָ לייגט מען דעם טראָפּ אויף האָדעווען אַ קינד ער זאָל אויסוואַקסן אַ מענטש וואָס ער איז ראוי לשמו "אדם", פון לשון – ווי ער זאָגט אין של"ה – "אדמה לעליון".

און בתקופתינו זו, אין די לעצטע צענדליקער יאָרן – איז די זעלבע תביעה דאָ פון ישיבות:

אַמאָל איז געווען דער מעמד ומצב, אַז יראת השם האָט אַ קינד באַקומען אין הויז – פון פאָטער, פון דער מוטער, פון דעם זיידן, פון דער באָבען. נאָר וואָס דען? זיי זיינען ניט אַלע געווען לומדים אין תורה, ניט אַלע פון זיי האָבן געהאַט צייט אויף אָפּגעבן זיך לערנען תורה מיט די קינדער – האָבן זיי געשיקט זיי אין אַ ישיבה, אַז דאָרטן זאָל זיי אויך צוקומען די **ידיעות אין תורה**, אָבער די **הנהגה** על פי תורה – אָט דאָס האָט ער באַקומען אין הויז.

און ער האָט קיין אַנדער הנהגה ניט געזען – וואָרום די גאַס איז אויך געווען אַ פרומע! ביז די שטעטל איז געווען אַ פרומע, ביז די גאַנצע שטאָט איז געווען אַ פרומע.

בשעת ס'איז געוואָרן "נשתנו העיתים ונתמעטו הלבבות", און מ'דאַרף אַרויסנעמען אַ קינד, ער זאָל וויסן זיין, אַז די הנהגה ווי ס'געפינט זיך אין זיין שטוב דאַרף זי נאָך האָבן אַ השלמה, זי דאַרף זיין בעסער ווי זי איז, אָדער ווי רחמנא ליצלן, ס'דאַרף גאָר זיין **היפך** ווי זי איז – אָט דעמאָלט איז ניטאָ קיין אַנדער אָרט וואו דאָס קען געגעבן ווערן, ווי אַ תלמוד-תורה וואָס זי איז מיוסד אויף יראת-שמים, אַ חדר וואָס ער איז מיוסד אויף יראת-שמים, אַ ישיבה וואָס זי איז מיוסדת אויף יראת-שמים.

ניט חס ושלום באַוואָרענען, אַז דער ראש-ישיבה, דער מלמד, זאָל זיין אַ ירא-שמים – דאָס איז מאי קמ"ל, ניט אין דערויף איז דער חידוש.

דער חידוש איז, אַז דער מלמד, מיטן ראש-ישיבה, מיטן ראש מתיבתא זאָל וויסן זיין, אַז וואָס ער לערנט ניט מיט אים, צי ער לערנט מיט אים קמ"ץ-אל"ף-אָ, צי ער לערנט מיט אים חומש, צי ער לערנט מיט אים גמרא, צי ער לערנט מיט אים פוסקים – דאַרף דאָס זיין דורכגעדרונגען, אַז דער תלמיד זאָל **דערפילן**, אַז בשעת ער זאָגט אים קמ"ץ-אל"ף-אָ, ווי דער פתגם הידוע פון דעם רבין נשיא דורינו, פון דעם שווער, אַז דער קמ"ץ-אל"ף-אָ מיט וועלכן אַ מלמד הויבט-אָן לערנען מיט אַ אידיש קינד, ועל דרך זה אויך מיט אַ אידישע מיידעלע, [וואָס מיט זיי (פלעגט מען דאָך) (לערנט מען דאָך אויך) דאַרף זיין אָט די התחלה] – דאַרף דער מלמד וויסן, און דאַרף געפינען אַ וועג אַז דער **קינד** זאָל דאָס דערפילן, אַז דאָס איז דער קמ"ץ-אל"ף-אָ פון "אנכי הוי' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים"!

...אָט דאָס וואָס דער ראש-ישיבה זאָגט: ער האָט דאָס ניט געהערט אין **זיינע** צייטן. ווען ער האָט געלערנט אין ישיבה האָט מען געלערנט **ידיעה** אין תורה; וואָס איז דאָס נוגע צו יראת-שמים, דאָס זאָל ער גיין לערנען צום שיעור פון מוסר, דאָס זאָל ער פרעגן באַ זיין זיידן, "שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך"!

איז דאָס איז די זעלבע זאַך, ווי גערעדט כמה פעמים, אַז בשעת ס'קומט צוגיין איינער רחמנא ליצלן וואָס איז ניט געזונט, זאָל מען אים זאָגן: ער וויל פאַר אים ניט זוכן קיין עצה – דערפאַר וואָס ער איז געוואוינט מיט געזונטע מענטשן!

היינטיקע צייטן, אַ ראש-ישיבה, אַ ראש מתיבתא, אַ מדריך, אַ מדריכה, אָט וואָס ס'זאָל ניט זיין; האָט ער עפּעס צו טאָן אין חינוך – דאַרף ער זיין דער **רופא נשמות עמו ישראל**.

מ'געפינט זיך אין אַ חושך כפול ומכופל, און דעמאָלט קען מען ניט לאָזן דעם קינד – אפילו ווען דער קינד איז שוין אַלט פופצן, זעכצן, זיבעצן, אַכצן יאָר – אַז ער זאָל בלאָנדזשען אין חושך, מ'דאַרף אים נעמען פאַר'ן האַנט און פירן בדרך הישר. צוזאַמען מיט דעם לימוד התורה, מיט דעם לימוד הפוסקים, מיט דעם לימוד מיטן גאַנצן בקיאות וחריפות ולומדות וכו'. אָבער דער **תכלית הכל** טאָר מען ניט פאַרגעסן, וואָרום איצטער איז דאָס איז דער ענין שהזמן גרמא.

# שליחות הנשים בדורינו: להשריש אצל הילדים ע״ד הטוב של תורה מצ״ע

תו״מ חל״ו 132

וכמו״כ גם בעבודתו הפרטית של כל אחד ואחד בביתו — ישנו התפקיד והשליחות של הנשים צדקניות שבדור זה, להשריש ולהחדיר אצל הילדים את המחשבה והידיעה ע״ד הטוב של התורה — ״טוב סחרה מכל סחורה״[185] — מצד עצמה; לא בגלל שמישהו יטפח על שכמו ויאמר שהוא ״תלמיד טוב״, ״למדן״, וכו׳ וכו׳, אלא בגלל עצם מעלת התורה שהיא נעלית יותר אפילו מ״חפצי שמים״, ודוקא על ידה מתקשרים עם קוב״ה באופן ד״כולא חד״ — כמשנ״ת פעם בא׳ המאמרים[186], על יסוד המובן ומבואר בזהר[187], שאפילו בלימוד נגלה וחיצוניות התורה, ואפילו בלימוד קמץ א׳ אָ, שזהו ה״אָ״ ד״אנכי״, יכולים לבוא לאופן היותר נעלה בהתאחדות עם הקב״ה, אם רק הלימוד הוא כדי לעשות נח״ר לו ית׳.

אוצר החכמה
אוה״ח 1234567

# אם המלמד רק ״יגיד״ להם אודות עבודה – גם הם ״יגידו״ ע״ד עבודה...

אוצר פתגמי חב״ד ח״א ע׳ 239

### כרב כתלמידו

חסיד אחד, שבניו הגיעו לגיל חינוך, חיפש עבורם מלמד.

המליצו לו על מלמד אחד, אך החסיד סירב לקחתו באמרו כי הנהגתו החסידית של הלה אינה הולמת את הרמה שהוא דורש עבור ילדיו.

בא אותו מלמד לאותו חסיד ואמר לו:

נכון, אינני עדיין חסיד אמיתי. אבל מובן שאתן להם את החינוך הנכון, שהרי רוצה אני באמת שתלמידי יגדלו להיות חסידים.

ענה החסיד:

הרי זו כל הצרה, שכן, הם ילמדו ממך ויהיו כמותך, היינו, שגם הם ירצו באמת ש**אחרים** יהיו חסידים, ובכך תתבטא כל חסידותם.

# חובת השעה

בשעת ס'איז געווארן "נשתנו העיתים ונתמעטו הלבבות", און מ'דארף אויסלערנען א קינד, אז ער זאל וויסן זיין, אז די הנהגה וואס געפינט זיך אין זיין שטוב דארף זי נאך האבן א השלמה, זי דארף נאך זיין בעסער ווי זי איז, אדער ר"ל זי דארף גאר זיין היפך ווי זי איז, אט דעמולט איז ניטא קיין אנדער ארט וואו דאס קען געגעבן ווערן ווי א תלמוד תורה וואס זי איז מיוסד אויף יראת שמים, א חדר וואס איז מיוסד אויף יראת שמים, און א ישיבה וואס איז מיוסדת אויף יראת שמים...

היינטיקע צייטן א ראש ישיבה, א ראש מתיבתא, א מדריך, מדריכה, וואס ס'זאל ניט זיין, אויב ער האט עפעס צו טאן אין חינוך דארף ער זיין דער "רופא נשמות עמו ישראל"!

מ'געפינט זיך אין א חושך כפול ומכופל, און דעמולט קען מען ניט לאזן דעם קינד, אפילו ווען דער קינד איז שוין אלט פופצן, זעכצן, זיבעצן, אכצן יאר, אז ער זאל בלאנדזשען אין חושך, מ'דארף אים נעמען פארן האנט און פירן בדרך הישר, צוזאמען מיט דעם לימוד התורה, און מיט דעם לימוד הפוסקים, מיטן לימוד מיט די גאנצע בקיאות והריפות ולומדות וכו', אבער דער תכלית הכל טאר מען ניט פארגעסן, ווארום איצטער דאס איז דער ענין שהזמן גרמא!

(פורים תשל"ה)